STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01839

MAYN YISROELDIK SHOYFERL

Shlomo Roitman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה רויטמאן

מײַן ישראלדיק שופרל

סאָנעטן און לידער

הוצאת "דר", רמת השרון
נדפס בדפוס "רויאל", רמת השרון

SHLOMO ROITMAN
MY ISRAEL HORN

©

שלמה רויטמאן

הנדיב 51/8, הרצליה
נדפס בישראל, תשל"ו
Printed in Israel, 1976

בײַ דער געלעגנהייט וויל איך אָפּמערקן,
אַז נאָר אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און ענערגיע
פֿון מײַן פֿרוי   ח י ה   װ י נ א ָ ג ר א ַ ד
האָט מײַן נײַע זאַמלונג לידער געקענט
דערזען די וועלט.

מיין ערשטער רעגן אין ישראל

עדואַרד גוטמאַנען

מיר לויכט דער ערשטער רעגן־שפּריץ,
מיר שפּילט די ערשטע רעגן־סטרונע,
ווי דער ישראלדיקער בליץ,
ווי דער ישראלדיקער דונער.

אַזוי פאַרליבט דער הימל פאַלט,
אַן אָנגעטריפטער, אָנגעשטרענגטער
צו יעדן הייסן באָדן־שפּאַלט
פון אָט דער ערד דער אויסגעבענקטער.

און ס'אָטעמט אָפּ דער דרויסן פריי,
ווי ס'וואָלט די וועלט אַרויס פון תפיסה,
די זון הענגט מער ניט שווער, ווי בליי,
נאָר ווי אַ פרי ווי אַ זיסע.

און אויך מיין האַרץ אַזאַ פאַרשפּאַרטס,
זיך רייסט אַרויס פון צייט פון טריבער
און פאַלט אַנידער אַ פאַרשמאַכטס
אויף פייכטע ליפּן פון מיין ליבער.

און ס'שלאָגט דער רעגן אַזוי שטאַרק,
ווי ער וואָלט וויסטעס איבערמאָלן,
און ס'דאַכט, כ'בין אויך אָט דאָ אַ באַרג,
וואָס טרייבט די וואַסער צו די טאָלן.

אויף מיר מיט היימסע רעגנט איצט,
זי איז אין מיר אַריינגערונען
מיט דעם ישראלדיקן בליץ,
מיט דעם ישראלדיקן דונער.

הרצליה, **29.10.1975**

סאנעטן
צו ישראל

סאָנעט 1

ביסט, ישראל, ווי יענער ערשטער אָטעם,
ווען מ׳ווייסט אַליין נאָך ניט ווי ער איז טייער
און אַז דערנאָך צו אָטעמען נאָך פרייער
וועט קיין מאָל שוין אין לעבן ניט געראָטן.

ביסט, ישראל, מיר איצט דער לעצטער אָטעם,
ווי אים צו לאָזן שווער איז אומגעהייער,
אַזוי איז לאָזן זיך צו דיר, מיין טרייער,
איך בין פאַר דיר און דו פאַר מיר פאַרבאָטן.

נאָר ווער עס קען דיין לופט — דיין פרייהייט שעצן,
דער וואַרט ניט אויף דער גאָב פון ווינט פון לינדן,
איך וועל מיין ערשטן אָטעם מיט דעם לעצטן

אין אַזאַ שטורעם, בענקענדיק, פאַרבינדן,
אַז ער וועט אַלע וואָלקנס דורכשלאָגן
און ווי אַ רעגן מיך צו דיר דערטראָגן.

סאָנעט 2

אַרומגעשניטן מ'האָט דיין ערד מיט ווּט,
געעפּנט אויף דיין טויער אַלע שלעסער,
געמאַכט דיך ווי אַ שמאָל צוויישאַרפיק מעסער,
מיין פאָלק אויף דעם זאָל אָפּגיין מיטן בלוט,

צעהאַקט זאָל זיין דיין ווײַנשטאָק, ווי אַ רוט,
און ברויזן זאָל דיין ווײַן אין שונאס פעסער,
ס'זאָל גרינגער זיין דעם ווילדן מענטשנפרעסער
צעברעכן, ווי אַ דינע שפּיז, דיין מוט.

נאָר ווער ס'האָט ווי אַ מעסער דיך פאַרשמאָלט,
אַרויף איז אויף דער שווערד, וואָס האָסט געשטאָלט,
געשמעלצט אין פלאַם פון האַרצן ווי אַ גיבור,

פאַרהאַרטעוועט אין ים, געשלייפט ביים זאַמד,
צום שלום־ראַנד געבראַכט זי, ווי אַ וואַנט,
אויף קינדערלעך פאַרשטעלן פון די גריבער.

סאָנעט 3

פֿאַר מיר שוואַרצחנעוודיק דיין ערד איז, ווי שולמית,
און דיינע וויינגערטנער און שעפּעלעך אין סטעפּ
זיך קרויזלען אויך, ווי אויף איר קאָפּ די קרענץ פון צעפּ,
און ווי איר קוש, דיין גוטע פּרי אויפן טעם איז,

און ווי איר שרפנדיקע ליבע אויך דיין פלאַם איז,
נאָר ווען איר מיידל־האַרץ זאָל זיין מיט זיבן קעפּ,
איז ביסטו מער! ביסט פון אַזאַ מין זון געוועבט,
אַז דו ביסט מיר, ווי גלייך אַ בריוועלע דער מאַמעס.

אוי, וואָס זשע שטייט אין אָט דעם בריוועלע געשריבן?
עס איז געשריבן מיט דעם אות, וואָס רופט זיך "טרער",
דו רופסט צו זיך, כ'זאָל ביי מיין לעבן זען דיך, ליבן,

און ס'איז דיין זאָרג און ס'איז דיין איינציקער באַגער,
איך זאָל צו דיר, צו מיין אומשטערבלעך־גרויסער מאַמען
ווי אַ בן חלוף חס ושלום ניט פאַרזאַמען.

סאָנעט 4

מיין פּאַסטעכקע, מיין שיר־השירים־טויב,
סע וואָרקען דיינע בריסטן, וויינען, ברומען,
וואָס ס׳איז צו דיר דיין ליבער ניט געקומען;
ער ליגט פֿאַרוווּנדעט ערגעץ שווער אין שטויב

פֿון יענע, וואָס זיי יאָגן זיך נאָך רויב.
נאָר אויב מ׳האָט אויך זיין לעבן צוגענומען,
וועט אויף דיין רוף זיין וועלט ניט בלייבן שטומ׳ען,
ס׳האָט נאָך קיין שאָס קיין ליבע ניט פֿאַרטויבט.

ניט וויין, מיין טויב, צעברעך זשע ניט דיין שטים,
סאַפּילקעס זיינען אַלע זיינע גלידער,
און ווי דו טוסט אַן אָטעם נאָר אויף אים,

זיי שפּילן ווידער שוין די ליד פֿון לידער,
וואָס איז פֿון יענעם אייביק האַרץ געבויט,
אַז אָפּרופֿן זי קען פֿון יעדן טויט.

סאָנעט 5

צום כותל המערבי

(טרילאָגיע)

חיים רבינזונען

1

ביסט טראָץ יאָרטויזנטער, מיין וואַנט, געבליבן שטיין,
זיי האָבן מאָך אויף דיר געלאָזט און זייער מראה ;
אַ יעדער וואַרפט לעבן דיר אַראָפּ פון האַרץ זיין שטיין,
מע וואָלט פון זיי געקענט דיך בויען ביז דער כמאַרע.

ווער שפּאַרט ניט אָן אויף דיר זיין צער און זיין געוויין,
סע קנייטשן אַלע דיין שפּאַלטן, דוכט, זיך שטאַרע,
ווי דו וואָלסט זיין דער שטערן גאָר פון פאָלק אַליין, —
אָט אונטער דיר דאָך בליצן אויגן זיינע קאַרע.

מיט טרער פאַרבאָרגענער כ'וואָלט נעבן דיר אויך וויינען,
אַז אונטערמוליעווען איך זאָל ניט דיין יסוד,
כ'וואָלט נעבן דיר פון האַרץ געוואָרפן בערג מיט שטיינער,

נאָר ניט אויף אויפשטעלן דיין מיקדש אין מיין שטאָט,
דו ביסט אַזאַ מין אויסגעוואַשענע און ריינע,
אַז בלייבסט דאָס היכל שוין דאָס איינציקע פאַר גאָט.

סאָנעט 6

2

פון וועלכן צאַרטן שטיין ביסטו געמאַכט,
וואָס נאָר פאַר דיר האָב איך מיין האַרץ געעפנט ?
כ'וואָלט דיך באַצירט מיט שענסטע באַרעליעפן,
נאָר וואָס איז דיר די אויסערלעכע פראַכט,

אַז ס'איז אַריינגעפּאַסט מיט אַזאַ מאַכט
אין אַלע דיינע שפּאַלטן, ווי אין נעפן,
דער פּערל, וואָס אין ים איז ניט צו טרעפן, —
די טרער, וואָס אונדזער פאָלק האָט דיר געבראַכט ?

דערפאַר דער מינדסטער שטיין אין דיר ניט שווייגט,
דו ביסט היינט זאַט מיט יענעם הונגער־שטרייק,

וואָס פאַר מיין גורל פירן מיינע ברידער ;
היינט קומט מען מיט געזאַנג צו דיר צוגיין,
דו ביסט געוועז די וואַנט פון מיין געוויין,
איצט ביסטו שוין די וואַנט פון גאָלע לידער.

סאָנעט 7

3

דו ביסט די וואַנט פון פאָלקישע געזאַנגען,
מיט קעמפערישע הענט, מיט הייסע קעפ,
איז ביסטו שוין אין גאַנצן איצט באַקלעפט,
ווי גלייך מיט קרענץ פון וויינטרויבן און זאַנגען,

מיט ברויזנדיקער יוגנט ביסט באַהאַנגען,
מיט מיידלעך ווי מיט צוויט דו ביסט פאַרוועבט,
מיט קינדער, ווי מיט בלעטעלעך, באַלעבט —
באַהויכט ביסטו מיט אונדזערע פאַרלאַנגען.

ביסט אונדזער באַריקאַדע און באַלעמער,
דו ביסט דער ריז, וואָס נעמט אויף זיינע אַקסלען
די זון מיט דער לבנה, ווי צוויי עמער,

און דו באַגיסט מיט זיי מיין גייסט, מיין ערד,
אַז אַרום דיר זאָל נאָר די פרייהייט וואַקסן,
ס'זאָל זיין די ליכט דיין איינציק־איינע טרער.

סאָנעט 8

צו ירושלים

ס'האָט אין זיין זנות געוואָלט דיך טרענקען בבל,
דער יוון איבערמעקן האָט געוואָלט
דיין פּייערדיקן גייסט, וואָס האָסט מיט גאָלד
און הייליקייט פֿאַרשריבן אויף דיין טאָוול,

ס'האָט רוים געוואָלט דיך מאַכן פֿאַר אַן אָבל,
האָסט זיך דעם מאַוור ווי אַ מעטשעט געמאָלט,
פֿון דיר אַן אָרון שמידן האָט געזאָלט
פֿאַר קריסטוסן דער ריטער, ווי אַ קאָוועל,

אַ ווילדקע נאָר געוועון ביסט פֿאַר דעם טערק,
פֿאַר דעם בריטאַן — אַ בלוטמאַרק צווישן מערק,
נאָר דו, ווי שטענדיק, בלייבסט ירושלים,

דו שטייסט אין הימל הויך אויף דיינע בערג,
און ווייל דו ביסט פֿון גאָט און פֿאָלק דאָס ווערק,
דו רעדסט מיט גאָט און מיט דיין פֿאָלק דיין פּרייען.

סאָנעט 9

ט״ו בשבט

ווייל גליקלעך איז דער טאָג אונדז אויסגעפאַלן,
איז היינט פאַר פלאַנצן ביימער מילד דער וועטער,
סע זעצט דאָס פאָלק, סע שרייבט מיט יונגע בלעטער,
מיט וואָרצלען־פענער, איינגעטונקט אין קוואַלן,

זיין גרינענדיקן גורל אונטער שטראַלן,
מיט זיינע הענט, ווי שאַפנדיקע געטער,
סע קערט שוין איבער גלייך ווי מאָרגן־בלעטער,
די שיכטן ערד, ס׳זאָל גאָרניט גיין פאַרפאַלן.

״מה נאה אילן זה ..״, וואו רידלעך טאַנצן
אונטער די פיס, ווי שיין איז אָט דער בוים,
וואָס זינגענדיקע קינדערלעך פאַרפלאַנצן ;

אַזוי פאַרוואָרצלסט, ישראל, דיין טרוים,
און ס׳איז שוין פון דער טיף ביז הימל־רוים
איין וואַקסנדיקער וואַלד מיין פאָלק אין גאַנצן.

סאָנעט 10

דער פאַרבענקטער צו ישראל

לייב לעווינען

זעץ איין אַ בוים דאָרט אויך פון מיינעט וועגן
אין מידבר, צי אין וואַלד, צי אויף אַ באַרג,
אַלציינס וועט ער אַזוי דאָך וואַקסן שטאַרק,
ווי שטאַרק מיין בענקשאַפט איז נאָך דיינע ברעגן,

גיב דאָרט מיר טוי, דאָ האָב איך ניט קיין רעגן,
גיב דאָרט מיר לופט, מיין אָטעם דאָ זיך וואַרגט,
גיב דאָרט מיר זון, דאָ ליכט פאַר מיר מע קאַרגט,
גיב דאָרט מיר גרונט, דאָ וויאַנען מיין וועגן.

פאַרזעץ אַ בוים פאַר מיר, ווי גלייך מיין צווילינג,
אַ העלפט פון מיר אין אים זאָל זיצן פעסט,
אַז ס'זאָל צו אים מיין צווייטע העלפט אין פרילינג

פאַרפליען, ווי אַ פויגל צו זיין נעסט.
דער פויגל קען אָן בוים ניט לעבן לאַנג,
און ס'שטאַרבט דער בוים אָן פויגלשן געזאַנג.

סאָנעט 11

הערש סמאָליאַרן

ס'איז גאָרניט צו באַצאָלן, ישראל,
דיר פאַר דיין ברעג, דיין וואַסער און דיין שיין,
און פאַר דיין דאַך, דיין שאָטן, פאַר דיין וויין,
און פאַר דיין ברויט, וואָס האָסט מיט מיר געטיילט,

און פאַר דיין גרינס, דיין ברכה און דיין אייל,
און פאַר דיין שווייס, דיין רויז און פאַר דיין ליין,
און פאַר דיין וונד, דיין זיג און פאַר דיין זיין,
און פאַר מיין האַרץ, וואָס האָסט מיר אויסגעהיילט.

נאָר אויב אָן לידער שניידט מען ניט דאָס ברויט,
און אויב אָן הימנען זיך דאָס לאַנד ניט בויט,
אויב אָן דער וויגליד עלנט וויינט די נאַכט,

אויב אָן געזאַנגען גייט מען שווער אין שלאַכט,
אויב אָן דער תפילה טריקנט דער געמיט,
איז מעג איך דיר באַצאָלן מיט אַ ליד.

סאָנעט 12

אברהם רוטמאַנען

באַיאָרטערהייט טוט ווײ צו דיר זיך קערן,
פאַר ערשטער ליבע לעצטע יאָר דען סטייען ?
וועסט מוזן מיר אַ ביסל צייט אַנטלייען,
איך דאַרף דאָך ערשט ביי דיר אַ תלמיד ווערן.

און אָט דיין הייליק לשון כ׳לערן גערן,
און ווי איך נעם דעם זין פון וואָרט צעקייען,
הייבט אָן פון מיר די עלטער אָפּצוטייען
און ווי אַ קינד דערפיל איך זיך ביז טרערן,

ווייל אומגעקערט איך האָב זיך צו מיין וויגל ;
אַזוי איז אויך דאָס אָנגעדרינדזשעט קריגל,
ביי זיך אין קוואַל אי גאַנץ אי פול עס ווערט.

מיין גילגול, ישראל, איז אויך דיין גילגול,
האָסט אויך דאָך מיט דיין שטאַם און מיט דיין ערד
צוריק זיך צו דיין קינדהייט אומגעקערט.

סאָנעט 13

אַ צוגלופּט בעת אַ שטיקנדיקער צייט
האָט אַזוי ווילד אונדז אויסגעקרומט דאָס פּנים,
אונדז אויסגעדרייט דעם מוח אויף דער זייט,
מיר זאָלן זיך אַליין שוין ניט דערקענען.

ווער ס׳קריוודעט אונדז, דער איז פֿאַר אונדז אַ לייט,
ווער ס׳לייקנט אונדז, דער איז פֿאַר אונדז אַ נאָמען,
און ווער עס וויל אונדז זען פֿון יאָך באַפרייט,
דער איז פֿאַר אונדז ווי גלייך פֿון ערגסטע שונאים.

ווי גלייך אַ שוואַרצע קאַץ, אַ ליקוי חמה
אויף קיילעכער פֿון אונדזער מאַרך ליגט,
אַז מיט די פֿיס מיר טרעטן שוין די מאַמע

און זיינען מיטן אייגן העמד צעקריגט.
אוי, ישראל, דער זינען איז אונדז קראַנק,
גיב אונדז דיין ליכט צו היילן דעם געדאַנק.

סאָנעט 14

אויפן וועג קיין ישראל

מיר זיינען שוין אַליין אַ מאָדנע וואַלד,
דאָרט שרייעןווילדע תאוות, ווי די סאָוועס,
אונדז אויס דעם טויט פאַר ליכטיקע מחשבות,
קיין פויגל־ליד אין אונדז שוין מער ניט שאַלט.

מיר האָבן מיט דעם שטאַם געשפּילט קאַטאָוועס,
דערפאַר אין אונדז אַיעדער צווייג זיך שפּאַלט,
אין וויג פון אונדזער צוויט די פרוכט שוין גראָוו איז,
דער קנאָספּ אין אונדז אַן אָסיענדיקער פאַלט.

ווי קענען מיר מיט ערד און הימל דופטן,
אַז ס'שמעקט פוןביידן דאָ שוין ניט מיט היים,
אַז מיט די וואָרצלען הענגען מיר אין לופטן,

די קרוין מיט אירע פייגלען זינקט אין ליים.
ווייט פון דיין גרונט, קאַפּויר וואַקסט אונדזער וואַלד,
קער אום דעם וואַלד צוריק זיין גרין געשטאַלט.

סאָנעט 15

זײַ מוחל מיר, דו ווייסט דאָך, ניט אומזיסט
בין איך אַזוי פאַרשוואַרצט שוין פון לאַנגאָנען,
אָט דער, וואָס האָט קיין ערד ניט אונטער פיס,
ביי דעם עס ליגט די ערד שוין אויפן פנים.

איך קום צו דיר פון גריבער פינצטער, וויסט,
באַהאַנגען כ׳בין מיט שלענג און סקאָרפּיאָנען,
איך בין אַזוי אין אַש, אין ליים, אין מ׳יסט,
אַז קענסט אויף מיר דעם טויטלאַגער דערקאָנען.

דאָס מיסט אויף מיר פאַרברענט אויך ניט דער פלאַם,
דאָס אַש פון מ׳ר ניט קען דער ווינט פאַרקערן,
סע שווענקט ניט אָפּ דאָס ליים פון מיר דער ים,

מיין חושך זייפט ניט אָפּ דער מאָרגנשטערן ;
אַרומוואַשן, ווי גלייך אַ קינד, מיך ריין
קען, ישראל, שוין נאָר דיין ערד אַליין.

סאָנעט 16

דער מאַן, וואָס מ׳האָט דערנידעריקט צום וואָרעם,
גראָבט אויס צו דיר דורך הייֵלן זיך אַ שטעגל
און באָרוועס שפּאַנט דורך תּפיסות, תּליות, קבֿרים,
ער ווייסט ניט פֿון קיין צוים דיין עולה רגל: —

אַ פֿעלדז אין וועג, — ער האַקט אים דורך מ׳יט נעגל,
און צווישן אייז ער איז דער ווינט פֿון דרום,
דער ים מיט אָפּגרונט דראָט, — איז ער זעגל,
און אויך אין מידבר פּילט ער זיך ניט אָרעם.

און קומט צו דיר דער מאַן, וואָס האָט דיך ליב,
ניט מיט קיין מילך און האָניק, ווייַן און טרויבן
איז וועסטו אים דערקויבערן, דערהויבן,

אַ רידל און אַ פֿידל אים נאָר גיב —
אַ רידל, — ער פֿאַרפּלאָנצט אין דיר זאָל ווערן,
אַ פֿידל, — דו זיין וואַקסן זאָלסט דערהערן.

סאָנעט 17

צו דער פאָלקס־פּאָן

מיין פּאָן ביסט הויך, בלוי הימלדיק דו בלענדסט,
אַז כ׳זאָל ביי זיך שוין ניט געפאַלן ווערן,
דיין מגן דוד שטראַלנדיק צעברענסט —
אַ סימן אַז ס׳איז אויפגעגאַן מ׳יין שטערן.

כ׳באַפּוץ דיך ניט מ׳יט סאַמעט און מיט פרענדז
פאַר קיין מוזיי, זאָלסט מויל מיט זיך דערנערן,
אין שטייג עס ווערן פּאָנען פעט, ווי געגנדז,
און קענען מער קיין שטורעמס זיך ניט ווערן.

צעריסן ווערסטו נאָר ניט אויפן ווינט,
און עלטערסט זיך ניט, ווען דו שפּאַנסט מיט צייטן,
פאַרנייגסט זיך נאָר, ווען העלדיש פאַלט דיין קינד,

און גאַנץ דו בלייבסט פאַרוואונדעט נאָר אין שטרייטן.
אַליין נאָר דיין באַפרייענדיקער פלאַטער
וועקט אויף מיין האַרץ, וואָס איז ביז טויט פאַרמאַטערט.

סאָנעט 18

ס׳איז ניט פֿאַרווערט צו דיר דעם פֿויגל פֿליען,
(נו זאָל ער זיין פֿאַר דיין קאַיאָר דער זינגער),
ווי פֿריי צו דיר דער ווינט מאַכט זיין נסיעה,
(טאָ זאָל ער דיר דיין אָטעם מאַכן גרינגער).

פּולבֿרוסטיק מעג צו דיר דער וואָלקן ציען,
(נו זאָל ער גלעטן דיך מיט רעגן־פֿינגער),
פֿאַרווייען קען דער בלומען־שטויב בעת בליען
צו דיר (טאָ זאָל זיין רויז דיך מאַכן יינגער).

און נאָר מיין ליד פֿאַר דיר, וואָס זי פֿאַרמאָגט
דעם פֿויגלשן געזאַנג, בשעת עס טאָגט,
דעם אָטעם פֿונעם ווינט, די ליכט פֿון בלומען,

די זוים, מיט רעגנטוי אַרומגענומען,
דער צו אַ האַרץ, וואָס נאָר פֿאַר דיר זיך שלאָגט,
זי קען דערווייל צו דיר נאָך אַלץ ניט קומען.

סאָנעט 19

וואָרצלען

מיין נחלה ליגט בשכנות מיט אַ קראַטער,
דאָרט ווינט דער שד, סע וואַרפט מיט זיינע ביינער,
ער שפייט מיט אַש, מיט פייער און מיט שטיינער,
דעם הימל ברענט ער אויס, דעם באַרג ער מאַטערט.

עס שפאַלט מיין ערד זיך, וויגט זיך, ווערט זיך, פלאַטערט
און האַלט זיך מיט דער קראַפט דער אייביק־שיינער:
איך הער אין איר ניט אויף צו זעצןביימער,
איר מוטער־טראַכט ניט ווערן זאָל צעפּאַטערט,

ווייל שטאַרקער פון קיין וואָרצלען קען ניט קיינער
פאַרנייען אַלע ריסן אין מיין באָדן
און אָפּצאָלן דעם גאָרטן פאַר זיין שאָדן, —

זיי הייבן אויף אַ וואַלד אַנטקעגן שטיינער,
דעם רויך מיט מחנות בלעטער זיי באַפאַלן
און קעגן פייער עפענען זיי קוואַלן.

סאָנעט 20

פראַגעס

איז פעסט שוין דאָ אַ באַרג אין רוים אין העלן,
וווּ איך אויף אים, ניט ער אויף מיר זאָל שטיין,
אַ טייך, וואָס זאָל דערטרענקען מיך ניט וועלן,
נאָר אָפּשווענקען דעם יאָך פון מיין געביין,

און לופט, וווּ ס׳זאָל מיר אָטעם ניט פאַרפעלן,
און ברויט, וואָס שטייט אין האַלדז ניט ווי קיין ביין,
און זאַלץ, וואָס בייסט מיין וווּנד ניט, ווי מיט ציין,
און ליכט, וווּ כ׳דאַרף מיין פּנים ניט פאַרשטעלן,

און ערד, וווּ מע פאַרגראָבט ניט מיינע טרוימען,
און וואַסער, וואָס פאַרשלעפּט ניט מ׳יינע זוימען? —
און אָן אַ סוף כ׳וואָלט פראַגעס נאָך געשטעלט,

אַז כ׳האָב מיט דיר דורך אַזאַ ווילדער וועלט
זיך ווידער נאָך צוויי טויזנט יאָר באַגעגנט,
איז ווייניק מיר פיר קשיות נאָר צו פרעגן.

סאָנעט 21

מיט פּוסטע הענט צו פֿאָרן איז ניט שיין,
כ'וואָלט מיטנעמען פֿון אַלע זיבן זאַכן
דעם דניעסטער פֿון מיין קינדהייט גאָר געהיים,
מיין קומען זאָל דיין ירדן פֿולער מאַכן;

צי מיטנעמען די גראָזן וועלכע וואַכן
ביים טאַטנס קבר, ווי זיין גרוס דיר, היים,
צי מיטנעמען פֿון האַרץ דעם איידלשטיין,
וואָס כ'האָב פֿאַרלוירן דאָ אויף אַלע שליאַכן?

כ'וואָלט ראשית־חכמה מיטנעמען געזאָלט
די אייניקלעך, דעם זון — מיין קרוין אין בליען,
וואָס איז פֿאַר דיר אויך טייערער פֿון גאָלד,

נאָר נאָך דעם שטאָם וועט אויך די קרוין זיך ציען,
די צייט צעשניידט; ניט זיי אויף מיר באַצאָרנט,
אַזוי איז שוין, דער דיכטער גייט פֿון פֿאָרנט.

1973

א מאראנצן-סאד
אין הרצליה

סאָנעט 1

ישראלדיקעביימער

ליבע צו דעם בוים, וואָס וואַקסט אויף פעלדזן,
צו דעם בוים, וואָס גרינט אויף זאַמדן — לויב,
דער ערשטער מוז דעם שטיין מלחמות מעלדן,
דער צווייטער קעמפט מיט שיטיקייט פון שטויב;

זיי ווייסן ניט, אַז זיי דאַך זיינען העלדן,
און כאָטש ס'איז אונטער זיי דער גרונט באַרויבט,
זיי טרייבן זאַפט ווי פון די רייכסטע פעלדער
ניט ערגער ווי די לאָזע צו דער טרויב.

דעם באַרג־בוים קען דער מינדסטער ווינט צעברעכן,
דעם מידבר־בוים פאַרשלינגען קען די טיף,
און וויפל ס'קאָסט די וואָרצלען יעדער טריף, —

דאָס בלייבט דערווייל נאָך אַלץ ניט אויסגערעכנט.
און ווייל זיי זיינען אומבאַרעכנט־צאַרט,
האָב איך מיין האַרץ אויף זיי נאָר אָנגעשפאַרט.

סאָנעט 2

מיין מאַראַנצן־גאָרטן

ווען ס'נעמט די פרוכט אַראָפּ דער רייכער אייגנטימער
און ליידיק בלייבט דער סאָד, ווי אַ פאַרלאָזטער שלאָס,
ווו אויסגעטרונקען איז דער ווייַן פון לעצטן כוס,
ווו אָן דעם לעבעדיקן קול איז אַלעס שלימער,

דאַן קום איך שטיל אַהער, ווי גלייך אַ מידער שווימער,
און לייג אַוועק זיך, ווי אַ שאָטן, אויפן גראָז,
און ווער דער איינציקער שוין ברייטער באַלעבאָס
אויף דריי פאַרבליבענע מאַראַנצן, — פול מיט שימער.

זיי הענגען הויך אַזוי ביים גאָרטן אויף דער שוועל,
אַז קיין שום זשעדנעקייט עס קען זיי ניט דערלאַנגען:
מיט איינעם צאָלט דער בוים דעם פויגל פאַר געזאַנגען,

דעם צווייטן האָט פאַר זיך די שיינקייט זעלבסט געפאַנגען,
און ס'איז דער דריטער, וואָס איז מער פון אַלע העל,
אַליין דאָס האַרץ דאָך פונעם סאָד, זיין מילדע זעל.

1975

סאָנעט 3

אונטער טרויעריקע קיפּאַריסן

אַ פֿאָלק אַ טרויעריקס זיי זיינען דאָך אינגאַנצן,
די קיפּאַריסן, זייער קרוין דעם עלנט שטריקט,
ווי ס'וואָלט גאָר עמעצער דעם אומעט דאָ פֿאַרפֿלאַנצן
אַרום דעם קבר, וווּ זיין ליבע טויט שוין ליגט ;

נאָר ס'איז געגנוג דורך זיי אַ וואָרף צו טאָן אַ בליק,
דו זאָלסט מיט פֿרייד דערזען אַ סעדל, וווּ עס גלאַנצן
די קרוין לבנהדיק און זוניק די מאַראַנצן,
ווי לעמפּ, וואָס ווייזן דיר דעם וועג צו ערדיש גליק.

דער סאָד מיט מוטער־שווערע בריסטן אַזוי גליט,
אַז אים פֿאַרברענען קענען איבעריקע שטראַלן,
אַז פֿון אַ מינדסטן ווינט צעבראָכן קען ער פֿאַלן,

נאָר קיפּאַריסן אים באַשירעמען, מע היט.
אַזוי צום פֿריילעכן מאַראַנץ — מע דאַרף עס וויסן —
דאָ פֿירט דער וועג דורך טרויעריקע קיפּאַריסן.

1975

סאָנעט 4

אויסגעקאָרטשעוועטעביימעלעך

אין ענגן רוים מיין גאָרטן ווערט דערשטיקט,
זיין ערד ניט קען דאָ יעדן בוים דערנערן,
ס׳וועט בלייבן דער נאָר, ווען ס׳האָט געגליקט,
און ווען ניט, וועט אויסגעריסן ווערן.

אָט האָט זיך ערשט אַ ביימעלע געוויגט,
נאָר ניט געוואָלט, ווייזט אויס, זיין שכן שטערן,
און ליגט ניט ווייט פון גרוב, שוין אויסגעפליקט,
און שיט אַראָפּ די בלעטעלעך, ווי טרערן.

און אויסגעקאָרטשעוועטע, נאָכן טויט,
מיט מענערישע וואָרצלען, וואָס זיך גלייכן
אין ווקס צו זייער קרוין־געצווייג דעם רייכן,

מע פלעכט פון זיך דעם גאָרטן אויס אַ פּלויט.
אָט דאָס הייסט זיין אַ גוטער בוים אַן עכטער,
ער איז אַליין דער סאָד, אַליין דער וועכטער.

סאָנעט 5

צווישנצייט אין גאָרטן

פון שניט ביז צוויט איז אין דעם גאָרטן צווישנצייט,
די צווייגן פלעכטן מער אַליין זיך ניט, ווי קוישן,
און ווי זיי וואָלטן זיך אין זייער קראַפט אַנטוישן,
זיי ברעכן זיך, פון זייער ליבער לאַסט באַפרייט.

וואָס ערשט געווען ס'איז דאָ, איז נאָענדיק שוין ווייט,
און וואָס ניטאָ איז נאָך, מע הערט אין קרוין, דוכט, רוישן,
און דאָס פאַרגאַנגענע זיך פרווט מיט צוקונפט טוישן,
דער אַלטער בוים מיט נייע פייגלען עפּעס שרייט.

ווען ס'שטייט אַ ליידיקער דער סאָד, מיין האַרץ ווערט פול,
איצט איז פאַר גיריקייט דאָ ענג אזוי דער גבול,
און צווישן האַרבסטיקע און פרייאָריקע רוימען

איז פריי פאַר בענקעניש, פאַר האָפענונג, פאַר טרוימען.
דאָס איז מיין צייט, ווייל ווי די פרוכט נאָר צייטיק ווערט,
איז מיר אַריינגיין אינעם גאָרטן שטרענג פאַרווערט.

סאָנעט 6

צום מאַראַנץ

ווי האָסטו פון דער צייט געקענט אַנטלויפן,
אַז אָט דיין רויטער קיילעך זוניק גליט
דורך ווייסן וואָלקן פון דער קרוין, וואָס בליט,
ווי קען די אַלטע פרוכט אויף אַזאַ אופן

דערלעבן זיך צו זען מיט יונגן צוויט ?
דיין זאַפט מ׳האָט ניט געקענט אין פלאַש פאַרשרויפן,
צי גלאַט אין פרעמדע לענדער דיך פאַרקויפן,
דערצייל מיר אויס, ווי האָסטו זיך פאַרהיט

פון וועלקעניש, פון בראָך ? אויף וועלכע וועגן
האָט ניט צעקנייטשט דער אָסיען דיין געזיכט,
דער ווינט ניט אויסגעלאָשן האָט דיין ליכט,

מיט פוילונג ניט באַרירט האָט דיך דער רעגן ?
דו שווייגסט אַ טויזנטמאָליקער פאַרמערט,
ס׳האָט פול אין דיר זיך אויסגעדרוקט די ערד.

סאָנעט 7

באַוואַסערונג

שוין אָפּן זיינען אין מיין גאָרטן אַלע קרענט,
און ניט סע פאַלט, ס'הייבט אויף דער רעגן זיך פונונטן,
ס'טוט יעדער שפּריצערל מ'יט פליגלען ווי אַ בלענד,
וואָס דרייען, שטראָמענדיק, זיך אין אַ טאַנץ אַ בונטן;

און פון דער ערד מיט אַזאַ כוח אַ געזונטן
זיך רייסן פייגלען, דוכט, צו זונען־שיין געווענדט,
נאָר בלייבן אייביק ווי פאַרכישופט אין איר פּענט
און קערן אום זיך טריי צו דאָרשטנדיקע גרונטן.

אַ, שטראָמען זילבערנע, איר וואָרקעט ווי די טויב,
וואָס לאָזט ניט פליען זיך אין נאַכט אין דער געהיימער
צום גאָרטן מיינעם אָט דעם גאָלדענעם אויף רויב,

נאָר הענגט מיר אויף אַ גאַנצן אוצר אויף די ביימער.
און ווילט איר וויסן פונעם מעשהלע דעם סוד,
קומט ווען ס'איז ליכטיק פון די פּירות אינעם סאָד.

סאָנעט 8

סודותפולע צוזאַמענהאַנגען

דער פויגל מיט די גרינע בלעטער־פליגל
זינגט שוין איפסניי אויף די מאַראַנצן־בוימער,
ער וויגט דעם צווייג, ער זיצט ווי גלייך אַ שומר
ביים ברויזעלע, וואָס שלאָפט אין קנאָספּן־וויגל,

זיין וויגליד וועקט דעם שלאָפנדיקן חומר,
און ס'ווערן פייכטע בלעטלעך אויפגעזיגלט,
עס עפנט זיך דער ווייסער בלומען־קריגל,
און פאַר דעם וווקס פון פרי ווערט געררוימער,

און ס'קומט צו איר די פאַרב, דער דופט, די שיין.
ווי טוט אַזוינס די ליד, ווי קען עס זיין ?..
נאָר וואָרצלען וויסן פון צוזאַמענהאַנגען

צווישן דעם גרינס און פויגלשע געזאַנגען,
זיי שווייגן אָבער טיף אין זייער גרונט.
שווייג אויך, ניט שטער דעם וווּנדערלעכן בונד.

סאָנעט 9

פּאָמעראַנצן־דופט

מיין סאָד איז אויף, מיין סאָד איז ווי איין גוף.
פון טוי ביז צוויט, וואָס גרינג איז ווי אַ פּעדער,
ווערט קיינס דאָ ניט אַרויסגיין פון זיין גדר,
נאָר לעבן אין זיין גבול נאָך זיין באַרוף;

און נאָר אַליין דער פּאָמעראַנצן־דופט
האָט לויט זיין רעכט געבראָכן אָט דעם נדר
און שיקערלעך זיך קושט מיט גאַס מיט יעדער
און מילד אַזוי ער היילט די קראַנקע לופט.

מיט כלה־לעבן שמעקט אָט דער געריך,
און ער, דער ערשטער אָנזאָגער אויף פּרוכט,
באַפרייט אַצינד פון יעדן גיפט די רוימען;

און ווידער כ׳וויל פון ריינער ליבע טרוימען
און גלייב, ס׳קערט אום זיך יענע צייט צוריק,
ווען אַלעס איז ביי מיר נאָך ערב גליק.

1975

לידער
וועגן ישראל

אַ געבעט צו ישראל

סאָניע חייקינע־שמידער

געשווירן כ׳האָב ביי זון און שטערן,
ביים סוף און אָנהייב פון באַשאַף,
אַז ביי קיין האַרן, ביי קיין הערן
עס וועט מיין האַרץ ניט זיין קיין שקלאַף,

נאָר דו אַן רינגען, קייטן, צוואַנגען
האָסט מיין נשמה צוגעשמידט,
אַן שטריק פאַרצויגן מיך, געפאַנגען,
ווי סע פאַרציט אונדז נאָר אַ ליד.

איך ווייס, האָסט פיינט צו לאָזן כישוף,
כאָטש ס׳איז אַ וווּנדער אויך דיין גראָז,
האָסט צוגענאָפּלט מיך מיין יישוב,
כאָטש כ׳ווייס אַליין שוין ניט מיט וואָס.

ס׳איז נאָר פאַר דיר מיין האַרץ נתפּעל,
נו גיב די זכיה, שענק מיר רעכט
ביי דיר ישראל, דיר ישראל,
ווי ביי דער פרייהייט, זיין אַ קנעכט.

1975

די בלויע מעווע

דאָרען קוסטאנאָוויטש—פּאָדאָלסקאַיאַ

ווער ביסטו, בלויע מעווע, און וועמענס ביסטו קינד,
דו הענגסט, ווי גלייך אַ כוואַליע, פאַרוואָרפן אויפן ווינט,

דו שרייסט ווי גלייך דער הימל איז אַרום דיר אין פלאַם,
דו ביסט ניט צו דער כמאַרע און ביסט ניט צו דעם ים.

ניטאָ איז יענער פעלדז נאָך, וואָס מיט אַ נעסט דיך רופט,
דו קרעכצט ווי גלייך מיט מעסערס וואָלט פול געווען די לופט.

און פליסטו צו דיווייטן, פאַרלוירן ווערט די ווייט,
און פליסט אַנטקעגן צייטן, פאַרפרוירן ווערט די צייט,

און ס'מאָרדעוועט און ס'קידעט אַזוי מיט דיין געביין,
ווי גלייך אַוועקגעפלויגן דו וואָלסט פון זיך אַליין,

און פונקט ווי ס'וואָלט געשטעמפּלט דער נע ונד דיין שטאַם,
איין פליגל בלויט מיט הימלען, דער צווייטער בלויט מיט ים.

און נאָר דיין שוואַרצער שנאָבל דערמאָנט אַ פּיצל ערד,
ווי וואָלסט אַמאָל אַ קרוב מיט איר זיך אָנגעקערט.

נאָר קיינער קען ניט כאַפּן דיין פויגל־אָנבליק איצט —
אָט־אָ ביסטו אַ שאָטן, אָט־אָ ביסטו אַ בליץ,

אָט פאַלסטו אויפן וואַסער, אָט שפּאַלסטו אויף איר טיף,
ווי גלייך אונטערגעגאַנגען עס וואָלט אָט דאָ דיין שיף

און שפּרייטסט זיך ווי אַ טיכל און שוועבסט אַהין, אַהער,
ווי גלייך אויף אָפּצווישן אין מיטן ים אַ טרער.

אַט הייבסטו זיך צו וואָלקנס און גייסט אין זיי אַריין,
ווי גלייך אַט דאָרט צו לעבן און אויך אַ וואָלקן זיין.

ווער ביסטו, בלויע מעווע, און וועמענס ביסטו קינד,
צי בלינד פאַר דיר דער ברעג איז, צי דו פאַר אים ביסט בלינד.

עס זיינען אַלע פעלדזן פאַר דיר געבליבן פרעמד,
ווו יעדער נעסט געוועז דיר איז אַ פאַרשטיינערט העמד,

ווו מ׳האָט מיט דיר געוואָרפן, געלאָפן ווי פון פעסט,
ווו מ׳האָט דיר אויסגעוואָרפן — געגנוג שוין זיין אויף קעסט.

צי איז פאַר דיר אין טייכן צעגאַן דאָס גאַנצע לייס,
דאָס גאַנצע שטרוי־אויף ווינטן, זאָלסט בלייבן אָן אַ היים.

ווייזט אויס, אַז יעדער באַרג־פעלדז האָט זיך מיט דיר געגעט,
קיין קינד האָסט ניט געוואַרעמט, קיין נעסט אים ניט געבעט,

און ס׳הענגט אויף דיר, מיין מעווע, אַ פלוך, אַ בייזע שפרוך —
כאַטש רייס זיך אויס, צעווייע אויף וואַסערן דיין פוך.

דו שרייסט ווי גלייך דער הימל איז אַרום דיר אין פלאַם,
דו ביסט ניט צו דער כמאַרע און ביסט ניט צו דעם ים.

וואָס פליסטו איבער וואָלקנס, וואָס זוכסטו דאָרט אַ פעלדז,
צי ווילסטו דאָרט זיך בויען אַ נעסטעלע אַ העלס,

וואָס וואַרפסטו זיך אין ימען, צי ווילסטו כאָטש אין זאַמד
דאָרט אונטער כוואַליעס בויען פאַר זיך אַ פויגל־לאַנד?

צי וועסט אַזוינס דערגרייכן, צי דו דערגרייכסט עס ניט,
נאָר אויב דו דאַרפסט אַ חבר, מיט זיך דו נעם מ׳יך מיט,

ווייל ווינטן ציט צו ווינטן און פלאַמען ציט צו פלאַם,
און פלאַטערן אין איינעם האָט גאָר אַן אַנדער טעם,

אינצווייען בילדעט אויס זיך דאָס היימלעכע געשטאַלט,
און פריינטשאַפט אויף דעם אָפּגרונט איז אויך אַן אונטערהאַלט.

איך ווייס, איך ווייס דיין טבע, אַז ווו נאָר בראָד און שניט,
מיין גורלדיקע מעווע, דאָרט ביסטו אין דער מיט,

ביסט צוגעווינט צו שטורעמס און אָפּגעווינט פון רו,
טאָ נאַ דיר ים און וואָלקנס און נאָך אַ היים דערצו —

אַ היים, וואָס ברענט און ציטערט און האַלט דערפאַר זיך פעסט, —
אוי בלויע, בלויע מעווע, מיין האַרץ איז דיר אַ נעסט.

די באַלאַדע וועגן דער דוינע און דעם פריילעכס

ס׳הערט ניט אויף צו קלינגען די געשיכטע מיר אין אויער,
ווי אין אונדזער פריילעכס איז אַריין דער דוינעס טרויער,

ווי אַ שטיקל פריילעכס אין דער דוינע איז פאַרבליבן,
ווייל ווי זיי האָט קיינער ניט געקענט אַזוי זיך ליבן.

נאָר פאַרלאָפן מיטן דניעסטער זיינען בלוטיק יאָרן,
און די דוינע מיטן פריילעכס איז צעשיידט געוואָרן,

און פאַרלוירן האָבן זיי פאַר זיך די דניעסטער־ברעגן,
און דערנאָך זיך ווידער אויפן וואַסער שוין באַגעגנט.

— מיין דוינע־קוויט, מיין דוינע־פלייט, וואָס שטייסטו אָנגעבויגן,
וואָס איז דער גאַנצער דניעסטער גאָר אַ טרער אין דיינע אויגן,

וואָס ווייט פון דיר און פונעם טייך אַזאַ מין מאָדנע שטילקייט,
צי אויסגעטריקנט האָט אין אייך די פליסיקע סאָפּילקע ?

מיין פאַסטעכקע דו ברוינע, מיין ציגיינערטע, אוי, דוינע,
צי איז דיין לאָנקע מיט די שאָף פאַרטריבן אין אַ בוינע ?

קום ווי אַ מאָל אין גרינעם טאָל אין ליבע זיך פאַרבינדן,
אין ליבע וועט ווערן דיין ניגון ווידער אָנגעצינדן.

— מיין הער, דער נאַצי אויסגעפּיקט דעם הימל האָט מיין העלן,
און דורכגעלעכערט איז מיין האַלדז מיט שטעכיקע שראַפּנעלן,

און ס׳איז פון אונטער מיינע פיס די לאַנקע לאַנג פאַרטריבן,
איז ווי זשע קען מען אָן אַן ערד אַוועקלייגן זיך ליבן?

מיין פריילעכס, קום אויפסניי אין פעלד, וואָס ציט זיך ביי דיין שטעטל,
ס׳האָט דאָרט אַמאָל דאָס גראָז אַליין אונדז אויסגעבעט אַ בעטל,

איז וואָס זשע ביסטו אויף מיין רוף געבליבן גאָר אנטשוויגן,
צי האָט ביי דיר זיך אויסגעהונקט דיין טאַנצנדיקער ניגון,

צי האָבן טאַקע אָפּגעוועלקט אין דיר די יונגע תאוות,
די יידישע, די חסידישע, די ברייקע התלהבות,

וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, ווי קענסטו זיין אַ טריבער,
מיין יידעלע, מיין לידעלע, מיין פידעלע, מיין ליבער.

— אוי, דוינע, איך, דיין פריילעכס, בין ניט לאַנג אַרויס פון גריבער.

און פאַר מיין טאַנצנדיקן ניגון האָב איך ניט קיין שטעטל,
און אויף צו ליבן זיך מיט דיר, איז האָב איך ניט קיין בעטל,

און אויף אַ פידל מאַכן זיך, איז האָב איך ניט קיין ברעטל,
ווייל ביזן לעצטן ברעטל איז אַוועק מיט רויך מיין שטעטל״.

ווי זענט איר, מיינע אוצרות, אויפן וואַסער גאָר געקומען,
צי ווייסט איר ניט, אַז אָן אַ גרונט איז שטאַרבן די ניגונים?

איז הער, מיין פריילעכס, אין ישראל, וואַקסט אַ בוים אַ בלויער,
אַריינגעטאָן איז ער מיט אַלע פייגעלעך אין טרויער,

ער בענקט נאָך דיר, און ווי דו ווערסט צו אָט דעם בוים זיך קערן,
ער וועט פאַר דיר אַ פידעלע אַזש ביזן וואָרצל ווערן.

איז הער, מיין דוינע, ביי דעם ירדן אָטשערעטן גרינען,
זיי קענען זיך קיין ווינטל אויף צו רוישן ניט געפינען,

און ווי זיי וועלן נאָר דיין קול דיין ווינטלדיקס דערהערן,
אויפכאַפּן זיי וועלן זיך און דיר אַ דודע ווערן,

און דאַן וועט ווידער קלינגען די געשיכטע מ׳יר אין אויער,
ווי ס׳איז אַריין אין אונדזער פרייזלעכס וואָלעכישער טרויער,

און ווי דער ניגון אויף זיין ערד שפּילט אויף מיט יונגע תאוות,
און ווי סע פלאַקערט אין דער דוינע יידישע התלהבות.

די שמחת־תורה־פאָן פון מיין קינדהייט

ניי איך מיר אַ פאָן אויף יום־טוב — איינע אין דער וועלט,
אויף מיין פאָן כ'האָב אויבנאָן אַ ליכט אַוועקגעשטעלט,

ניט נאָר צו באַשיינען מיר אַכט געשענקטע טעג,
אַז סע טראָגט דער מענטש אַ פאָן, דאַרף ער זען דעם וועג.

וואָס זשע טוט מען, אַז מיין פאָן זאָל ניט ווערן בלינד,
ס'זאָל מיין ליכט ניט אויסגעלאָשן ווערן אויפן ווינט ?

אפשר זי צעוויקלען נאָר, ווען ס'איז זייער שטיל,
ווייס איך אָבער, אַז אַ פאָן אָטעמען זיך וויל,

אַז איר פאַרב אָן ווינטעלעך עלטערט זיך און גרויט,
אַז אַ פאָן, וואָס פלאַטערט ניט, איז שוין נעבעך טויט.

האָב איך דאַן אַ עפּעלע וויל איר אָנגעטון,
זיצט אין עפּעלע מיין ליכט, זויפט פון דאָרטן זון.

ווען דער שד זיך בלאָזט אַליין אין דער וועלט אַריין,
קען ער אויך ניט ספּראַווען זיך מיט אַזאַ מין שיין,

און אַז עס זאָל דער עפּל זיין פריש און רויט און גלאַט,
אונטער אים דאָס פענדעלע פלאַטערט ווי אַ בלאַט.

ניט אומזיסט כ'האָב עס געמאַכט דאָך פון גרינעם צייג,
און דאָס שטעקעלע געשניצט האָב איך פון אַ צווייג.

אַלץ געוואָלט באַוואָרענען, אַלץ געטאָן געשיקט,
האָט אָבער מיין פענדעלע אין לעבן ניט געגליקט.

אויסגעלאָשן האָט אַ לץ ביי מיין פאָן די ליכט —
אויסגעלאָשן אָט אַזוי האָט ער מיין געזיכט;

און מיין עפּל אָן דער ליכט פאַלט צו ערד אַראָפּ,
דאָס האָט זיך אַראָפּגעבויגן אומעטיק מיין קאָפּ;

און מיין פאָן, ווי גלייך דעם בלאַט, גיט דער ווינט אַ ריס,
ס'רייסט זיך אָפּ דער וועג אַזוי אונטער מיין פיס.

בלייבט אַליין דאָס שטעקעלע, קומט אויף דעם אַ בראָד,
האַלבס פאַרטרייבט פון יום־טוב מיך, האַלבס פאַרטרייבט אין יאָד,

אַלץ געוואָלט באַוואָרענען, אַלץ געטאָן געשיקט,
האָט אָבער מיין פענדעלע אין לעבן ניט געגליקט.

אוי, דו, טיפּש, מיינסט אַ פאָן איז זיך גלאַט אַ שפּיל,
אַז אַ ייִנגל טראָגט אַ פאָן, ווייס זשע וואָס זי וויל.

אויף צו אויסלייגן פאַר איר דאָ אַ פרייען וועג,
דאַרף מען ליבן אָן אַ ברעג, ליבן מיט אַ ברעג,

דאַרף מען וויסן וויפל בלוט אַזאַ פאָן סע קאָסט,
טאָן פאַר איר אַ וווּנדער־זאַך, וואָס איז, דוכט זיך, פּראָסט.

ס'זאָל דער שד ניט אויסלעשן ביי דער פאָן די ליכט,
ניט פאַרוויאנעט ווערן זאָל איר עפּל אומגעריכט,

ניט צעריסן ווערן זאָל איר צווייג אויף יעדן ווינט,
שטאַרבן זאָל דער יום־טוב ניט אין די הענט ביים קינד,

דאַרף מען טאָן, ווי ס'וויל די פאָן, זי נאָר איינס באַגערט —
צוטוליען איר שטעקעלע צו ישראל־ערד.

פֿאַרבענקטע בושלען

געצויגן די בושלען זיך האָבן
דורך שטויביקן ווינט, ווי דורך שטיין,
אַ וועג דורך אים זיך געגראָבן
ניט מיטן שנאָבל דעם גראָבן, —
מיט בענקעניש שאַרפֿער נאָך היים,

פֿאַרגעסן צו ציילן די ווערסטן,
פֿאַרגעסן צו פֿרעגן דעם רוים,
ווי ווייט איז צו אייגענע נעסטן,
ווי ווייט איז צום אייגענעם טרוים,

און אונטערגעאײַלט מ׳האָט די מײַלן,
צי לאַנג איז די ווײַלע שוין איצט,
געטראָגן מע האָט זיך ווי פֿײַלן,
געשמידטע ביים דונער און בליץ.

די ווונדן, וואָס אונטער די פֿאַכוועס,
דעם עלנט, דעם טרויער, דעם ווײ
זיי האָבן פֿאַרבונדן מיט רחבות,
מיט הימלען געקילט און מיט שניי,

זיי האָבן געטרונקען פֿון כמאַרעס,
פֿאַרביסן מיט טרוים וועגן הי,
אויף פֿליגלען — אויף אייגענע נאַרעס —
געדרעמלט זיי האָבן אין פֿלי.

זיי נעמען דעם ים אונטער פליגלען,
מ׳יט פיש זייער ברעג זיך ניט מעסט,
די אויגן זיך שפּאַלטן, ווי שפּיגלען,
פון בענקשאַפט צו זען שוין די נעסט.

געצויגן זיך האָבן די בושלען
צו האַרציקן פרילינג געווענדט,
געצויגן מע האָט זיך, ווי קושן,
דורך ימען און שטורעמס און פענט

אַזוי ביז פאַר פרייד האָט אויף אויגן
אַ טרער זיי געבלענדט און פאַרבלענדט,
און זיי זיינען איבערגעפלויגן,
די אייגענע היים ניט דערקענט.

הרצליה, 8.1.1975

ז׳.

די ירושלימער פּאַלמע

סאָניע און זליג דעכטיאַרן

1

ירושלימס הויכע פּאַלמע אויף דעם פעלדז, —
דיין קאָרע — האַלב־געעפנט פאַנצערדיקע שיפּן,
אויף אויסהיטן אין זיך דאָס טייכעלע דיין העלס,
אויף אויסקושן דעם הימל־טוי מיט טויזנט ליפּן.

און אַלץ צוליב געציילטע בלעטער פון דיין קרוין,
ניטאָ פאַר דיר פון זיי קיין שענערס און קיין בעסערס,
זיי וויכערן זיך אויף ווי מיידל־צעפּ אין רוים
און זענען ווי דער טאַנץ פון בלענדנדיקע מעסערס.

שטייסט אויפן קרייצוועג פונעם לעבן און פון טויט,
אינמיט פון היץ און שניי, פון זאַמדן און חמסינען,
דו ביסט פון ליפּן און פון מעסערס ווי געבויט,
ווייל ס'איז די גאַנצע וועלט געפערלעך פאַר דיין גרינען.

2

עך, דו שטאַם דו מעכטיקער — בחורישער שטאַלט —
וויגן וואָלסט געקענט אויף זיך, דוכט, א גאַנצן וואַלד,

ביסטו אָבער איינגעליבט — דו, אַזאַ פאַרשוין, —
ביז איבער די אויערן אין דיין קליינער קרוין.

זי, די קליינע, שטילערהייט אויף דיין רוקן זיצט
מיט אַ ווערעטענע, דוכט, וואָס אין שטראַלן בליצט.

טיף איז זי אַריינגעטאָן אין איר שווער געשפּינס,
ס׳איז ניט גרינג דאָ אויסוועבן זיך אַביסל גרינס.

ווייסט, חכמה — פּאַלמעניו, ווייסט, מיין עלנט קינד,
ווי צו וואַקסן אייביק קעגן שניידנדיקן ווינט.

— בעסער — ווייניק בלעטעלעך, קלענער איז דער ריס,
איז דיין קרוין אַ קינד אויף ווינט און דיין שטאַם אַ ריז.

3

דו ביטערער גורל געהיימער
פּאַר גליקלעך־צעזונגען געמיט :
פּאַר אַלע שפּילפּייגל —ביימער
און נאָר פּאַרן דיכטער — ניט.

און אַז ס׳זאָל זיין ליד זיך ניט בלאָנקען,
גיט הימל און ערד אים אַ שטייג,
נאָר דו וואָלסט אַ נעסט מיר געשאָנקען,
איז האָסטו ניט, פּאַלמע, קיין צווייג.

4

עס פּאַלט צו דיר ניט צו די נאַכט מיט סאָלאָווייען,
ווייל ס׳קען דיין קרוין זיי ניט פּאַרהוילן, ניט פּאַרהילן,
סע זעצט דער טאָג לעבן דיר ניט צו זיך אָפּצוקילן,
ניט דו אויף מענטשן קענסט מיט לינדע שאָטנס ווייען.

איז אפשר לאָמיר זיך דעם עלנט ביידע ווערן
און איינס אין צווייטן זיין אַזוי אַריינגעזאָטן,
אַז גאָר דיין שטילקייט זאָל מיין ליד פון האַרצן ווערן,
אַז איך אינגאַנצן ווערן זאָל ביי דיר דיין שאָטן.

1974

ים און טייך

כ׳וווין אין הרצליה, גאָרניט ווייט אַזוי פון ים,
מיט פרייער רחבות זיינער קען מיין האַרץ זיך זעטן,
איך מעג זיך קילן אין זיין בלוילעך־גרינעם פלאַם
און אַפּראָדיטיש קען זיין וועל מיין לייב מיר גלעטן,

ס׳האָט דער מיטלענדישער געבוירן דאָך די געטין
פון ליבע שוימיקער און שיינקייט, און ניט סתם
באַזינגען האָבן אין פּאָעמעס אים פּאָעטן ;
נאָר מיך ציט אַלץ צום טייך, ער האָט אַן אַנדער טעם,

ס׳איז אין זיין מורמל אַזאַ רוף צו היים פּאַראַנען,
אַז ווען סע כוואַליען זיך די בלעטער פון באַנאַנען
אונטער דעם ווינט באַנאַכט לעבן אונדז, אין מיטן שטאָט,
אין זיי מיר חלומט זיך דער רויש פון טייך ביי לאַנען.

דער טייך איז ליכטיק, ווי פון היימלעכקייט די גנאָד,
דער ים ביים ברעג אַפילו טונקלט, ווי זיין סוד.

ערשטע ליד צו ישראל

סע טוט אין וואָלקנס זיך דיין זון
דאָך אַזוי זעלטן אַ פֿאַרזשמורע,
דו ווייסט ניט, וו זי הינצוטון,
פֿאַרוואָס זשע נעמסטו אויף מיך כמורע?

קען זיין, ווייל ס׳רויכלט זיך דיין ערד
דאָ אייביק מיט מלחמה־פֿלאַמען,
צי ווייל דו ביסט, מיין היים, פֿאַרטרערט
מיט דריי אַזש ווייַנענדיקע ימען.

צווייטע ליד צו ישראל

ווען כ׳וואָלט דיין זאַמד־זייגער געוואָרן,
כ׳וואָלט צייִלן דיינע נעכט און טעג
אַזש ביז דיין אייביקייט פון יאָרן,
ווייל זאַמדן האָסטו אָן אַ ברעג.

כ׳בין אָבער נאָר פון ליים און טרערן
אין אויסגעקנאָטן דינע קרוג,
און טרוקן, — כ׳מוז צעבראָכן ווערן,
ווייל וואַסער האָסטו ניט גענוג.

דיין גרענעץ

ווי מיט אַ דיונע וואַרפט מיט דיר פון ראַנד צו ראַנד,
חוץ אונדזער האַרץ, ווער וועט באַשיצן דיך און רעטן,
דאָס איז דיין איינציק שטאַרקע גרענעץ דאָך, מיין לאַנד,
כל זמן סע שלאָגט, וועט קיינער זי ניט איבערטרעטן.

אַ שניי אין ירושלים

דער שניי צעריבן ווערט פון רעדער אויף די גאַסן,
נאָר ריין ער בלייבט אויף בערג, אויף הייכענישן, סקאַלעס,
און ס׳דאַכט, אויף ווייסן צייג זיך ציען שוואַרצע פּאַסן,
ווי אָנגעטאָן ירושלים וואָלט אַ טלית.

מיין פּייערל

עס ווערט מיין איינגעליבטקייט, גלייב, ניט בלאַסער
פון זינט, ישראל, איך האָב דיך דערקענט,
און גיסט מען אויס אויף מיר דעם ים מיט וואַסער,
צו דיר מיין פּייערל נאָך העלער ברענט.

אויף מיין גאַס "הנדיב"

פון קינדער־שול ביז דעם בית־עולם
איז אויף מיין גאַס נאָר זיבן טריט,
און אויף איין זייט שווייגט שטאַרק דער עולם,
און אויף דער צווייטער שאַלט אַ ליד.

וווהין פֿאַלט מיין שאָטן

צו דער ישׂראלדיקער ווערבע בין איך גלייך,
אויך ווי ביי איר ניט קען מיין טרויעריקער שאָטן
זיך קילן, פֿאַלנדיק אין כוואַליעס פֿון אַ טייך,
אין זאַמד ער ווערט פֿאַרברענט, מיט זאַמד ער ווערט פֿאַרשאָטן.

אַ טרייסט פֿאַר דער ווערבע

אַ ווערבע ביי דעם טייך איז אויך פֿאַרקלערט,
און דו אין זאַמד ביסט צווייענדיק באַטריבט,
דער שטראָם, וואָס כ'מוז באַהאַלטן אונטער ערד,
ער וועט נאָך קושן דיינע פיס פֿאַרליבט.

פון דיין געאָגראַפיע

מיין היים, דיין לענג איז אין דער ווייטקייט ניט פֿאַרפלויגן,
דייןברייט צעהאַקט קען, דאַכט זיך, ווערן פון אַ שווערד,
דערפֿאַר זיך הייכט אַ באַרגיק־ברוסטיקע דיין ערד,
וואָס האָט מיט געטלעכקייט דעם הימל אָנגעזויגן.

נגב־פּייזאַזש

די מידבר אונטער זון איז הויל ביז גרויִל,
אויף בערגלעך זאַמד נאָר שטעכלקעס זיך וויגן,
ווי האָרביק־געלע קעמלען וואַלטן ליגן
מיט בינטלעך גראָז פאַרטרוקנטע אין מויל.

ישראלדיקע באַרג־פעלדזן

אַרומגעוויקלטע אין קיטלען פון דעם שניי,
זיך הייבן בערג־פעלדזן, ווי די כּוהנים־ריזן,
וועלכע געדענקען נאָך ווי ס'האָט אַמאָל פאַר זיי
זיך גאָט אַליין דורך בליץ און דונערן באַוויזן.

אַ העליִאָקאָפּטער אין מלחמה־נאַכט

ער לאָזט אַראָפּ זיך צום שפּיטאָל, לויכט רויט און גרין,
ווי ס'ברענט די וווּנד דאָרטן ביי אונדזערע, ביי זין
און ווי די האָפענונג אין האַרצן ביי אַ מאַמען,
אַז ס'וועט די צייט פאַרציען אַלע זייערע שראמען.

אין יום כיפּורדיקער מלחמה־נאַכט

זינט ס'ציט די נאַכט אויף זיך די פייערדיקע הויט
שוין פון מלחמה־צייט, איך קען ניט אונטערשיידן
צי אַ ״פאַנטאָם״ בריט אָפּ דעם הימל העליש־רויט,
צי ס'פּליט זיך, פינקלענדיק, אַ שטערן, ווי אין פרידן.

באָדן

שוין טראָגט אויף פעלדזן אָן דער מילדער ווינט
איצט שטיקלעך ערד, אַ יונגער שיכט באַגינט,
און גיך אויף הליבעס וועט אַ וואַלד צעגרינט
מיט וואָרצלען אָנטאַפּן, ווו וואַסער רינט.

אָן אַ ב׳רודער

וואָס איז מיר דער ים אָן דעם ווינט דעם פרייען,
וואָס איז מיר די שיף אָן דעם גוטן רודער,
אויב מיין אייגן בלוט איז דער מערדער קין,
וואָס איז מיר די וועלט אָן אַ ליבן ברודער.

צום פאָלק

פאַריאָגט פון אַלע דיינע קוואַלן,
מיין זעל זיך רויכלט אויס אין שטויבן,
ווען ס׳וועט דיין לעצטער זינגער פאַלן,
וועט בלייבן שטום אויך גאָט פונאויבן.

די אויסגעגראָגעבענע וויינקרוג

די קרוג — אָן ווייַן, נאָר דאָרשטיק פּאַלט מייַן מויל צו אירע ליפּן,
דעם ריח פון אַן טויזנט יאָר כ׳הייב אָן פון איר צו זיפּן,
און שיכור כ׳בין געוואָרן, כ׳קען מיט איר זיך ניט צעשיידן,
ווי קושן וואָלט איך על פּי נס מייַן עלטער־עלטער זיידן.

יעקב׳ס ברונעם

כ׳זוך יענעם ברונעם; איז ער טאַקע שוין פאַרשוווּנדן ?
ס׳האָט יעקב רחלען דאָך דערזען דאָרט דורך טרערן,
און וווּ עס האָט זיך זייער ליבע אָנגעצונדן,
צי קען אַ קוואַל אַזאַ מין אויסגעטריקנט ווערן ?

די נשמה פון קוואַל־וואַסער

די קוואַל־וואַסער וואָס רינט, איז שיין און קלוג,
נאָר האַרציק ווערט איר חכמה ערשט אין קרוג.

דאָס שופרל

ווען אויסגעלאָזט האָט זיך שוין אָב,
סוף־נאַכט, ווען סע ווינטלט שוין האַרבסטיק,
דאָס שופרל וועקט מיך פון שלאָף
און רופט אַזוי ריִרנדיק־האַרציק.

און ווייל כ'בין אַ ייִנגעלע נאָך,
איז נעמט זיך מיר דאַכטן, אַז עפּעס
דאָס האָרנדל ווייִנט אויף זיין בראָך
און בענקט נאָך די שאָף אין די סטעפּעס.

און פייערלעך, אלולדיק־טריב
עס שטעכט זיך אַריין אָט דער האָרן
אין מיר, אויף צו בלייבן מיר ליב
און שטעקן ביי מיר אין זכרון.

פאַרבויגן ער איז און געדרייט
און איידל געשניצט ווי אַן אויער
אויף אויסהערן יעדנס פרייד,
אויף אויסטרערן יעדנס טרויער.

צי אפשר גאָר הערט ער זיך איין,
געוווינט שוין צו רוימען גראַמען,
ווי מע בלאָזט אַריין
אין אים אונדזער הייסע נשמה.

א תקיעה, מיין שופר, א תקיעה,
דאָס האַרץ צו זיין קוואַל זאָל זיך ציען,
תרועה, שופרל, תרועה,
דער אָטעם אין אונדז זאָל ניט רוען.

סע קלינגט אין זיין יאָכץ און געוויין,
אין שלשלת זיין געדרייטן
דאָס יאָר, וואָס קומט צוגיין,
דאָס יאָר וואָס מע מוז באַגלייטן.

מיין מאַמע מאַכט שטילערהייט —
איר פּנים ווערט הייליקער, בלאַסער —
"צו ימים נוראים גייט,
ווען סע ציטערט אַ פיש אין דעם וואַסער".

דאָס שופרל שניידט ביזן פלייש
פאַרגייט זיך ביז צום פאַרטייען
און זיפצט, דוכט, "מי באש"...
און כליפּעט "ומי במים".

נאָר מיר שפּילט ליכטיק זיין ליד,
מיר זיינען דאָך ביידע קרובים —
איין נאָגנדיק־זיס געמיט,
וואָס ציט זיך אַזוי צו יומטובים...

— נו זאָג, ווער האָט דיך געבויט,
ווער האָט דיר דעם כוח געגעבן,
זאָלסט וועקן אונדז אויך נאָך דעם טויט
אַזוי, ווי דו וועקסט אונדז ביים לעבן.

דער גורל האָט דיך, ווי אַ ביימעלע,
האָרן, צעטיילט מיט דער לאָנקע,
צעשיידט דורך לייד מיט דיין בהמהלע,
דערפאַר מיט אַ זעל דיך באַשאָנקען.

אַ תקיעה, מיין שופר, אַ תקיעה,
דאָס האַרץ זאָל צום אייביקן ציען.
תרועה, שופרל, תרועה,
דער מעכטיקער גייסט זאָל ניט רוען.

אַך, דו גורלדיק שופרל,
פריילעכער חבר און טריבער,
מיין לעבן אַליין — דאָס לויפערל —
גיסט אין דיין העלדזל זיך איבער.

זאָג זשע מיר, ווי איז געשען,
וואָס איך האָב פאַרגעסן דיך, האָרן,
ווי כ׳וואָלט גאָר קיין קינד ניט געווען,
ווי כ׳וואָלט ניט געבוירן געוואָרן.

פאַרגעסן דיין יאָכץ און געוויין,
דיין שלשלת דעם געדרייטן,
דאָס יאָר, וואָס קומט צוגיין,
דאָס יאָר, וואָס מען מוז באַגלייטן,

נאָר דו האָסט דיין ברוסט ניט פאַרמאַכט,
נאָר דו האָסט דעם אָטעם באַקומען
פון לעבן פון אומגעבראַכטס,
וואָס קען נאָכן טויט אויך ניט שטומען.

און סע הילכט איבער שדים־קאַראַש
דיין קול, ווי אויף אייזן דער האַמער:
— ווער אין אַן אויוון צו אַש,
ווער אין אַ גאַזן־קאַמער.

ביסט איצט שוין פֿאַרשפּיצט, ווי אַ בליץ,
מיין האָרן, אינגאַנצן געוואָרן,
און ס׳טראָגט פֿון דיר מיט היץ
און ס׳שלאָגט מיט דונערס דיין צאָרן.

דו רופֿסט ניט אויף מאָרד און געיעג,
דו רופֿסט ניט אויף בלוט און מלחמה;
דיין גאַנג, דיין געזאַנג איז דער וועג
פֿון אונדזער געפּרוווטער נשמה.

דיין רוף — התלהבות און ברען,
דיין קריג, — דער זיג איבער בוינעס.
דו ביסט מנצח געווען,
מיט אונדזערע שאַלסטו נצחונות.

מיין שופֿרל, שפּילסט ווי אַמאָל,
אַ דאַנק פֿאַר דיין וועקנדיק ברומען,
גייענדיק נאָך דיין קול,
בין איך צו זיך געקומען.

אַ תקיעה, מיין שופֿר, אַ תקיעה,
דאָס האַרץ צו דעם פֿאָלק זאָל זיך ציען,
תרועה, שופֿרל, תרועה,
דער שעפֿער אין אונדז זאָל ניט רוען.

מע הערט אין דיין יאָכץ און געוויין,
אין שלשלת דיין געדרייטן,
דאָס יאָר, וואָס קומט צוגיין,
דאָס יאָר, וואָס מען מוז באַגלייטן.

פֿאַרגיב מיר, פֿאַרגיב מיר מײַן זינד,
דו, האָרן, װאָס רעדט דורך צײַטן,
פֿילסט דאָך, אַז איך, — אָט די רינד —
שױן קלײב זיך אין װעג אינעם װײַטן.

װען כ׳װעל שױן פֿאַרלאָזן די שײַן,
אין שאָטן פֿון אבֿות זיך היִלן,
כ׳װאָלט װעלן אַ שופֿרל זײַן,
ס׳זאָל אונדזער נשמה דאָרט שפּילן.

1971

דער פֿאַרכאַפּער

קיין האַר, קיין שׂר, קיין מאַכטנהאָבער
כ׳האָב קיינמאָל ווערן ניט געוואָלט,
כ׳האָב זיך קיין נחלה ניט דעראָבערט,
מע צאָלט פֿאַר לידער ניט מיט גאָלד,

נאָר כ׳מעלדע גלייך פֿאַר גאַנצן קהל,
אַז ווי דאָס שענסטע פֿון געגאַרטס
איך וויל פֿאַרכאַפּן דיך ישׂראל,
ווי דו האָסט מיר פֿאַרכאַפּט מיין האַרץ.

ישראל בענקט

לעאָניד־אריה גוטמאַנען

ישראל האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט
נאָך ליבע, יוגנט און נאָך זינדער,
אויב גאָט האָט אונדז די ערד געשענקט,
איז דאַרף דאָס פעלד דאָך שאָף און רינדער.

ישראל וויל ס'זאָל ווערן לינדער,
דער וועג פאַר טויט זאָל זיין באַשרענקט,
אַז ווערן זאָל די גאַסן ענג
פוןביימער, טויבן און פון קינדער.

ישראל דאַרשט צו זיין געאייניקט,
ווי ס'איז דער באָדן מיטן קוואַל,
ווי ס'איז דאָס לעבן מיטן שטראַל,

ווייל וואָס אַלייניק, דאָס איז ווייניק,
נאָר שיין און גרויס איז אַ פאַרפאָלק : —
ישראל ליבט זיך מיט זיין פאָלק.

1976

אינהאַלט

מיין ערשטער רעגן אין ישראל 9

סאָנעטן צו ישראל

סאָנעט 1 13
סאָנעט 2 14
סאָנעט 3 15
סאָנעט 4 16
סאָנעט 5 צום כותל המערבי, טרילאָגיע 17
סאָנעט 6 18
סאָנעט 7 19
סאָנעט 8 צו ירושלים 20
סאָנעט 9 ט"ו בשבט 21
סאָנעט 10 דער פאַרבענקטער צו ישראל 22
סאָנעט 11 23
סאָנעט 12 24
סאָנעט 13 25
סאָנעט 14 אויפן וועג קיין ישראל 26
סאָנעט 15 27
סאָנעט 16 28
סאָנעט 17 29
סאָנעט 18 30
סאָנעט 19 וואַרצלען 31
סאָנעט 20 פראַגעס 32
סאָנעט 21 33

אַ מאַראַנצן־סאָד אין הרצליה

סאָנעט 1 ישראלדיקעביימער. פרעלודע 37
סאָנעט 2 מיין מאַראַנצן־גאָרטן 38
סאָנעט 3 אונטער טרויעריקע קיפּאַריסן 39
סאָנעט 4 אויסגעקאָרטשעוועטע ביימעלעך 40
סאָנעט 5 צווישנצייט אין גאָרטן 41
סאָנעט 6 צום מאַראַנץ 42
סאָנעט 7 באַוואַסערונג 43
סאָנעט 8 סודותפולע צוזאַמענהאַנגען 44
סאָנעט 9 פּאָמעראַנצן־דופט 45

לידער וועגן ישראל

אַ געבעט צו ישראל 49
די בלויע מעווע 50
די באַלאַדע וועגן דער דוינע און דעם פּריילעכס 53
די שמחת־תורה־פאָן פון מיין קינדהייט 56
פאַרבענקטע בושלען 58
די ירושלימער פּאַלמע 60
ים און טייך 62
ערשטע ליד צו ישראל 63
צווייטע ליד צו ישראל 64
דיין גרענעץ 65
אַ שניין אין ירושלים 66
מיין פייערל 67
אויף מיין גאַס "הנדיב" 68
ווהין פאַלט מיין שאָטן 69
אַ טרייסט פאַר דער ווערבע 70

פון דיין געאָגראַפיע	71
נגב־פּייזאַזש	72
ישראלדיקע באַרג־פעלדזן	73
אַ העליאָקאָפּטער אין מלחמה־נאַכט	74
אין יום כיפּורדיקער מלחמה־נאַכט	75
באָדן	76
אָן אַ ברודער	77
צום פאָלק	78
די אויסגעגראָבענע וויינקרוג	79
יעקב׳ס ברונעם	80
די נשמה פון אַ קוואַל	81
דאָס שופרל	82
דער פאַרכאַפּער	87
ישראל בענקט	88